# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:01
מוצאי שבת קודש............9:31

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............................שופטים י"ג
בבלי..........................חולין פ"ו
ירושלמי............בבא בתרא ב'
תוספתא.............בבא קמא ב'
רמב"ם.......שופר וסוכה ולולב ז'


פרשת ואתחנן, שבת נחמו, י"א אב, אבות פרק ג', שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 42 (761)


## נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי

דֶער שַׁבָּת נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט גֶערוּפְן 'שַׁבָּת נַחֲמוּ', וֶוען מֶען זָאגְט דִי הַפְטוֹרָה פוּן נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם, אוּן אֵייבִּיג קוּמְט עֶס אוֹיס אִין פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן. דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ טָאר מֶען נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן מִיטְן 'וָאֶתְחַנַּן', מִיטְן בֶּעטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פִיהַלְט אַז עֶר אִיז חָרוּב וְנֶחְרָב, עֶר פִיהַלְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִויפִיל עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין ווָאוּיל אוּן עֶרְלִיךְ אִיז עֶר נִישְׁט מַצְלִיחַ, זָאל עֶר אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף תְּפִלָּה, עֶר זָאל וַוייטֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְן פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן נָאר דָאס אִיז דִי עִיקַּר נֶחָמָה אוּן טְרֵייסְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אוּן דָאס וֶועט אִים סוֹף כָּל סוֹף צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי", וָואס אִיז דִי טְרֵייסְט פוּנֶעם אִידִישְׁן פָאלְק אִין אַלֶע דוֹרוֹת? "יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם", אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז 'אֱלֹקֵיכֶם', עֶס הֶערְשְׁט דִי מִדַּת הַדִּין, עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט צִי בְּרוּחֲנִיּוּת צִי בְּגַשְׁמִיּוּת, זָאל נָאךְ אַלְץ זַיין דֶער 'יֹאמַר', מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער וָוארְט "יֹאמַר" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "ר'וּחַ אַ'פֵּינוּ מְ'שִׁיחַ ה'", דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק "רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה'" (אֵיכָה ד', כ') הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט וֶוען מֶען הָאט גֶעשָׁאסְן פַיילְן אוֹיף יֹאשִׁיָּהוּ הַמֶּלֶךְ אוּן מֶען הָאט דוּרְךְ גֶעלֶעכֶערְט זַיין קֶערְפֶּער מִיט פַיילְן רַחֲמָנָא לִיצְלַן, הָאט יִרְמְיָהוּ גֶעזֶעהְן וִוי יֹאשִׁיָּהוּ זָאגְט עֶפֶּעס שְׁטִיל, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז אֶפְשָׁר הָאט עֶר חַ"ו טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן אוּן גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט "צַדִּיק הוּא ה' כִּי פִיהוּ מָרִיתִי", (אֵיכָה א', י"ח) עֶר הָאט בַּארֶעכְטִיגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט, דַאן הָאט יִרְמְיָהוּ גֶעזָאגְט אוֹיף אִים דֶער פָּסוּק "רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה'".

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט זָאל עֶר אוֹיךְ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס הָאט אַ פוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּרְךְ דֶעם קוּמְט עֶר צוּ אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה. וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק וָאֶתְחַנַּן תשמ"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### קַאלְטְקֵייט

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ט) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען עֶר הָאט אַ גֶעפִיל דֶערִין, אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נָאר רֶעדְן קַאלְטֶערְהֵייט. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אָן אַ

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ, וַוייל וִוי מֶער מֶען זוּכְט דָאס גוּטְס אוּן מֶען זֶעט דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אוּן מֶען דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ שְׁנֶעלֶער קוּמְט דִי רְפוּאָה. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז שִׂמְחָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע מַחֲלוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הִיא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְט, דָא אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַאנְקְט מִיר, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן נָאךְ מֶער גוּטְס, עֶר זָאל מִיר נָאךְ מֶער דַאנְקֶען", אוּן חַס וְשָׁלוֹם וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט זִיךְ אָפּ, עֶר בַּאקְלָאגְט זִיךְ, זָאגְט מֶען אִין הִימְל, מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן יִסוּרִים אוּן צָרוֹת עֶר זָאל הָאבְּן וָואס צוּ קְרֶעכְצְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן תשפ"ו)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# זַיי מְוַתֵּר אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

וִויפִיל אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וֶועגְן רֶעדְן שַׁיין אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ, זֶע אִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג, אִיךְ דַארְף דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן; מַמָּשׁ וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, עֶר וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט מְחַבֵּר זַיין נָאךְ אַ גַאנְצֶע סֶעט לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת (עֶס אִיז דָא אַ יֵשׁ אוֹמְרִים, נָאךְ אַכְט מָאל וִוי דִי לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ נָאךְ אִין שְׁטוּבּ; וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן. הֶער אַ שַׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אִין שְׁנַת תשע"א, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, אִיז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אִין קֶעמְפּ, (דִי קֶעמְפּ אִיז גֶעוֶועןְ יֶענֶע יָאר אִין עֶלֶענְוִויל). מִיר הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט אַ סְעוּדָה, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט, אוּן בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים: "אִיךְ זָאג צוּ אַלֶע וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית; פֶערְצִיג מָאל, פוּן ט"ו בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ, זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידּוּךְ". אֵיינֶער פוּן דִי אַבְרֵכִים אִיז דֶעמָאלְט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן גֶעפְרֶעגְט, הֱיוֹת עֶר פְלָאגְט זִיךְ מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, וִויל עֶר וִויסְן אוֹיבּ עֶר וֶועט זָאגְן פֶערְצִיג טֶעג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, צִי עֶס וֶועט אִים בֶּעסֶער מַאכְן זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וִויל שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף זַיין אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּבּ".

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן בַּאזוּנְדֶער פַאר זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף זֵיי, אוּן גֶעבְּן דִי גוּטֶע גֶעפִיל אַז דוּ בִּיסְט זֵיי מַכִּיר טוֹבָה, אוּן זָאלְסְט זֵיי טַאקֶע מַכִּיר טוֹבָה זַיין. מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס אַ מְלַמֵּד אוּן טִיטְשֶׁער גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַ שָׁעָה אִין טָאג, נָאר אַז דוּ וֶועסְט אֵיין טָאג זַיין אַ מְלַמֵּד - וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן כַאפְּן דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ מְלַמֵּד אוּן וִוי מֶען דַארְף זֵיי מַכִּיר טוֹבָה זַיין.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, בָּרוּךְ ה׳ מִיט גוּטֶע זַאכְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דְבָרִים תשפ"ב)

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט <<<<<<

גֶעפִיל, וֶועט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף עֶפֶענֶען זַיין הַארְץ אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר אוֹטָאמַאטִישׁ אוֹיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אָן קַיין גֶעפִיל.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְּבָרִים ג, כג) "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳ בָּעֵת הַהוּא לֵאמֹר", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'" - אַ אִיד זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט. וַוייל "בָּעֵת הַהוּא לֵאמֹר" - עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אוּן דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן זִיךְ זָאגְן פוּן זַיין מוֹיל וִוי גֶעשְׁמִירְט, אוּן דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס פַארֶערְכְטְן.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָדֶער בַּיים טוּן מִצְוֹת. אַ אִיד דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶר טוּט דָאס נָאר קַאלְטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן אָן קַיין פַארְשְׁטַאנְד, אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת זֶעעֶן אוֹיס הַאלְבּ-גֶעבַּאקְן, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן קַיין גֶעשְׁמַאק, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן פַאר אִים.

וֶוען אַ אִיד דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גֶעפִיל, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵּים, אִיז דָאס נָאךְ אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל עֶס קוּמְט אִים אָן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער דָאס צוּ טוּן וִוי פַאר אֵיינֶעם וָואס שְׁפִּירְט יָא אַ גֶעשְׁמַאק דֶערִין. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַז דֶער אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן דִינְט אִים וִויפִיל עֶר קֶען, וֶועט עֶר אִים זִיכֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל יָא בַּאקוּמֶען דֶעם גוּטְן טַעַם אוּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵימוּת מִיט אַ חִיּוּת אוּן גֶעשְׁמַאק.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה ו׳:) "אִם יֹאמַר לְךָ אָדָם יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי, תַּאֲמִין" - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַאן זָאלְסְטוּ אִים גְלֵייבְּן". שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, אוֹיבּ הָאט יֶענֶער טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַארְף מֶען נִישְׁט בְּלוֹיז גְלֵייבְּן, מֶען קֶען דָאךְ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. גְלֵייבְּן דַארְף מֶען נָאר אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּירוֹת הֲלָכָה ה׳) אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיּוּת, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט דַארְף מֶען יָא גְלֵייבְּן, נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעט מֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן דִי הַצְלָחָה, אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְלָאגְט זִיךְ אוּן מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין. דַארְף מֶען אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט זִיכֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז עֶר פְלָאגְט זִיךְ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וֵייסְט עֶר אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה, אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וִויל זַיין וואוּיל, וֶוערְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אוּן אַזוֹי זַאמְלְט זִיךְ אָן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן דִי סַבְלָנוּת אוּן אוֹיסְהַאלְטְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען זַיין הַצְלָחָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אָפֶענֶערְהֵייט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנָּן)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

מח. מִי שֶׁמִּתְוַדֶּה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב אוֹתוֹ אַהֲבַת נְדָבָה, וּמֵשִׁיב מִמֶּנּוּ חֲרוֹן אַפּוֹ. וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵייעֶר לִיבּ, אוּן עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים זַיין צָארְן.

נייעס <<<<<<

טון איז עפענען א ספר פאר אונז אליין, בויען אונזער אייגענע תמימות און אמונה טיף אינעווייניג אין אונז, און אזוי זיך אליין ראטעווען פון די פרעמדע לופט.

אזוי ווי דער ציל איז צו זיין א גוטע אדרעס פאר "שיחות חברים", האבן די אינגעלייט געעפנט א ספעציעלע טעלעפאן ליניע וואו די צוהערער קענען איבערלאזן הערות, קאמענטארן, און מיטטיילן זייערע אייגענע השגחה פרטית מעשיות. מען קען נאר לאזן וואויסמעיל מעסעדזשעס (נישט קיין טעקסט) אויף 845-467-7718, און מיט דעם מיטטיילן מיט'ן ציבור מעשיות פון וואס אנדערע קענען זיך אויך מחזק זיין און אריינברענגען נאך אמונה אינעם טאג-טעגליכן לעבן.

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רנד)

## תתיח

**מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, פַּאר פֶּסַח,** זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען פִילֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אִין עֲבוֹדַת ה', וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז אַלְץ גֶעוֶוען, אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אוֹיבּ וָואלְט גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, וָואלְטְן מִיר נָאכְאַלְץ חָשׁוּב גֶעוֶוען", עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אַז אֲפִילוּ עֶס וָואלְט יֶעצְט גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן וָואלְט דֶער רֶבִּי נָאכְאַלְץ גֶעוֶוען חָשׁוּבֶער פוּן אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז בֶּאֱמֶת קְרִיגְט קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיף אִים, זֵיי קְרִיגְן נָאר אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט דִי סָארְט זַאכְן וָואס זֵיי רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז דֶער רֶבִּי טוּט, אוּן אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען טַאקֶע קְרִיגְן.

דָאס הֵייסְט אַז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, הָאבְּן דָאךְ גֶע'טַעֲנָה'ט אַז דֶער רֶבִּי טוּט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, אוּן דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען שְׁקָרִים וּכְזָבִים וָואס מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אוּן אוֹיף אַזַא סָארְט מֶענְטְשׁ וָואס טוּט דִי זַאכְן וָואס זֵיי זָאגְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי"ן, אוֹיף יֶענֶעם דַארְף מֶען דָאךְ טַאקֶע קְרִיגְן. קוּמְט אוֹיס אַז זֵיי קְרִיגְן בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיפְ'ן רֶבִּי"ן. וָואלְטְן זֵיי גֶעוואוּסְט דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן רֶבִּי"ן, וָואלְטְן זֵיי דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעקְרִיגְן אוֹיף אִים, פַארְקֶערְט, זֵיי וָואלְטְן נָאכְגֶעלָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעפָארֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן זֵיי קְרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם", זֵיי קְרִיגְן נָאר אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וֶועמֶען זֵיי טְרַאכְטְן אַז עֶר טוּט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, "אָבֶער אִיךְ זִיץ זִיךְ בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִיךְ וֵויס גָארְנִישְׁט וָואס זֵיי טְרַאכְטְן זִיךְ אַלְץ אוֹיס לִיגְנְטְס אוֹיף מִיר, אַז אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן".

דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעזֶעצְט אוּן גֶעזָאגְט, "עֶס אִיז שוֹין גֶעוֶוען אַמָאל אַזַא מַעֲשֶׂה אַז מֶען הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף אֵיינֶעם, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיעֶט אַן הוֹיכְן טוּרֶעם אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים הָאבְּן גֶעשָׁאסְן פַיילְן אוּן פֵייעֶר אוֹיפְ'ן טוּרֶעם, זֵיי הָאבְּן אִים אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"




### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# קוֹיפְן לַאטֶעְרִיס ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן, יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ גֶעז סְטֶעישָׁאן, צִיט מִיךְ צוּ קוֹיפְן לַאטֶערִיס. אוּן אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן מַיין גֶעלְט פַאר דֶעם.

יֶעדֶעס מָאל טְרַאכְט אִיךְ אַז יֶעצְט וֶועל אִיךְ גֶעוִוינֶען אַסַאךְ גֶעלְט אוּן מֶער נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֵּייטְן שְׁוֶוער. אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ גֶעוִוין נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה פַארְ'ן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס יֶעדֶעס מָאל.

אִיךְ זֶע אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אֶפְשָׁר אִיז דָא אַ גְרִינְגֶע עֵצָה פַאר דֶעם אוֹיךְ? אִיךְ כְּסֵדֶר דִי בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן סְ'אִיז מִיר מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער גַאנְצֶער שְׁפִּיל פוּן לַאטֶערִיס אִיז אַ שְׁטִיק בְּלָאף, זֵיי מַאכְן מֶען זָאל גֶעוִוינֶען דָא אוּן דָארְט אַבִּיסְל גֶעלְט, אַלְץ נָאר אַז מֶענְטְשְׁן זָאל וֶוערְן מֶער אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין דֶעם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפד): דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אַמָאל אֵיינֶער זָאל רַייךְ וֶוערְן דוּרְךְ עֶפֶּעס אַ וֶועג וְכוּ', אוּן מֶען מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן דֶעם, אַלֶע מֶענְטְשְׁן רֶעדְן פוּן דֶעם, אוּן מֶען אִיז אִים מְקַנֵא, אָבֶער דָאס אִיז אַלֶעס אַ שְׁפִּיל פוּנֶעם סַ"מ צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן מֶענְטְשְׁן. דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס דִי שִׂיחָה מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע אָפְּהִיטְן מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְדְרֵייט וֶוערְן פוּן דֶעם".

דִי אַלֶע וָואס וֶוערְן נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין גֶעמְבְּלִינְג, וֶוערְן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע אָרֶעמֶעלַייט, אוּן בַּיים סוֹף בְּלַייבְּן זֵיי גְרוֹיסֶע קַבְּצָנִים. קוֹדֶם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט, אוּן נָאכְדֶעם פַארְלִירְט מֶען נֶעבֶּעךְ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

גֶעמְבְּלִינְג אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טוֹיט שְׁפִּיל; אִין אָנְהֵייבּ וַוייזְט מֶען פַארְן מֶענְטְשׁ כְּאִילוּ עֶר פַארְדִינְט גֶעלְט, אָבֶער צוּם סוֹף וֶוערְט מֶען נֶעבֶּעךְ אַ בְּלוּטִיגֶער אָרֶעמַאן; עֶס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלָה וָואס אֵיינְמָאל מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן. וַוייל יֶעדֶעס מָאל טְרַאכְט מֶען: 'יֶעצְט גֵיי אִיךְ פַארְדִינֶען', 'דָאס מָאל וֶועל אִיךְ שוֹין טַאקֶע רַייךְ וֶוערְן', וָואס בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ נֶעץ וָואס כַאפְּט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ טִיפֶער אוּן טִיפֶער.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ דַארְפְסְט אַן עֵצָה נִישְׁט צוּ קוֹיפְן מֶער קַיין לַאטֶערִיס, עֶס זֶעט דִיר אוֹיס וִוי דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן, וַוייל יֶעדֶעס מָאל זָאגְסְטוּ צוּ זִיךְ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט קוֹיפְן וְכוּ', אָבֶער לְמַעֲשֶׂה קוֹיפְסְטוּ דָאס וַוייטֶער; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה, אוּן מֶען קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט. אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה; אוֹיבּ מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וִוי אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן פַארְן מֶענְטְשׁ: "דוּ הָאסְט אַ בְּחִירָה"? עֶס אִיז דָאךְ אוּמְמֶעגְלִיךְ זִיךְ אָפְּצוּשֵׁיידְן פוּן אַ גֶעוואוֹינְהֵייט וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן! הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי): "עֶס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶער עִנְיָן פוּן בְּחִירָה; אוֹיבּ מֶען ווִיל טוּט מֶען עֶס, אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְׁט טוּט מֶען נִישְׁט"; שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שָׁם): "אִיךְ הָאבּ מִיר פַארְצֵייכְנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם, זֵיי פְרֶעגְן דִי קַשְׁיָא: "וִוי אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ בְּחִירָה, וֶוען אִיךְ קֶען מִיר נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן מַיין גֶעוואוֹינְהֵייט וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן?" דֶערְפַאר מֵיינֶען זֵיי אַז עֶס אִיז טַאקֶע אוּמְמֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה אוּן קֶען אוֹיפְהֶערְן טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַחֲלָה; תְּפִילָּה הָאט אַזַא כֹּחַ אַז דוּרְךְ תְּפִילָּה קֶען מֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן יֶעדֶע סָארְט זוּמְפּ וואוּ מֶען אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן, אוּן מִיט תְּפִילָּה קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁטַארְקֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת (עֶדִיקְשָׁאנְס).

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זִיכֶער אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דֶעם:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ מְשׁוּגֶענֶע תַּאֲוָה פוּן גֶעמְבְּלֶען, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ קֶען מִיר נִישְׁט זֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דֶעם, אִיךְ אַלֵיין וֵוייס אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, דָאס נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיין גֶעלְט, דָאס צֶעבְּרֶעכְט מַיין מִשְׁפָּחָה. יֶעדְן טָאג מַאךְ אִיךְ אָפּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט קוֹיפְן קַיין לַאטֶערִיס, אָבֶער נָאכְדֶעם גֵיי אִיךְ צוּרִיק צוּ מַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַן עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי נַארִישֶׁע תַּאֲוָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּן דִיר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חַגַּי ב, ח): "לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב, נְאֻם ה' צְבָאוֹת", דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט פוּן דִיר; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע אַז אִיךְ קֶען רַייךְ וֶוערְן פוּן דִי נַארִישֶׁע תַּאֲוָה; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרַיין כַאפְּן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס נָאר דָאס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן מִיר, אָמֵן".

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, אוּן דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן טוּן נָאר קְלוּגֶע זַאכְן. דוּ וֶועסְט הָאבְּן שֵׂכֶל עֶנְדֶערְשׁ צוּ גֶעבְּן דִי פָּאר דָאלֶער פַאר דַיין וַוייבּ וְכוּ', אוּן עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשע"ח)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יוסף לייב קויפמאן** הי"ו טשעסטער
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **חיים שלמה קויפמאן** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **שבתי מזרחי** הי"ו קרית ברסלב

***

מו"ה **יואל לעווי** שליט"א בני ברק
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **שמואל זאב לעווי** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **צבי אלימלך קאהן** שליט"א לעיקוואד

***

מו"ה **שמשון הערש טייטלבוים** הי"ו קרית ברסלב
צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב
הבחור **חיים טייטלבוים** נ"י

***

מו"ה **מרדכי הערצאג** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **חיים** נ"י למזל טוב

# נייע אפטיילונג אויף "קול ברסלב"
# תם מה הוא אומר

מען דארף פאר קיינעם נישט פארשטעלן דעם הערליכן הפצה ליין "קול ברסלב", דער ליין וואס האט געמאכט - און מאכט נאך אלץ - א רעוואלוציע אין עולם ההפצה. טויזנטער אידן פון נאנט און ווייט רופן כסדר אריין צו הערן א גוט ווארט, אדער עפעס וואס וועט זיי ארייגעבן א רוח החיים, זיי אויפלעבן און דערנענטערן צום אויבערשטן. איינער באקומט עס דורך א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א, א צווייטער דורך אן אינטערוויו, א דריטער דורך א ניגון, און א פערטער דורך א שמועס. אויפ'ן ליין קען יעדער געפינען חיזוק און עצות לויט זיין תכונת הנפש און לויט זיין יעצטיגן געברויך.

דער טעלעפאן נומער פונעם האטליין איז באקאנט אין די גאנצע אידישע וועלט: **212-444-9191**. דאס איז א גרינגע נומער וואס אפילו אויב מען האט עס נישט ביי די האנט, איז עס גרינג צו געדענקען. די ערשטע זעקס נומערן, **212-444**, זענען א באקאנטע אנהייב פאר אסאך אידישע טעלעפאן האטליינס, און די לעצטע פיר נומערן, **9191**, זענען מרמז אויפן שם צ"א (וואס באשטייט פוןביידע שמות הקדושים צוזאמען - הוי"ה און אדנ"י) צוויי מאל. אזוי ארום, ווען איינער האט נישט די נומערן ביי די האנט, דארף ער זיך נאר דערמאנען פונעם אויבערשטן, און ער וועט זיך גלייך דערמאנען די נומערן פונעם האטליין.

יעדע וואך זענען דא פרישע שמועסן, דרשות און אינטערוויוס, וואס יעדער איינער פאר זיך וואלט געוועזן בארעכטיגט פאר א באזונדערן ארטיקל צו באריכטן די הערליכע אוצרות וואס ווערן דארט אנטפלעקט; אבער דערווייל איז דאס אוממעגליך אהערצושטעלן. אבער ווען עס קומט ארויף א פרישע אפטיילונג, ווען אינגעלייט קומען און עפענען א פרישן קנעפל וואו מען קען זיך אנשעפן פון די זיסע און געשמאקע עצות פונעם רבי'ן, דאן קען מען נישט בלייבן שטיל, און מען מוז מגלה זיין פארן ציבור די "מתנה טובה יש לי בבית גנזי". כדי אנצוקומען צו דעם אפטיילונג דארף מען רופן "קול ברסלב" אויף **212-444-9191**, דערנאך דרוקט מען **1** פאר אידיש, **4** פאר שמועסן, און **9** איז באשטימט פאר די נייע אפטיילונג "תם מה הוא אומר".

די נייע אפטיילונג גייט שוין אן פאר צוויי וואכן און ציט צו זיך גאר אסאך צוהערער. דער נייער פראגראם ווערט איבערגעגעבן דורך מו"ה ישראל דוד העסקל הי"ו אינאיינעם מיט הר"ר יצחק ראזענבוים שליט"א - וועלכער האט שוין יארן צוריק באקומען דעם זיסן צונאמען "יצחק דער תמים" - און עס ברענגט אריין א פרישקייט אין תמימות ופשיטות ביי אנשי שלומינו און ביי אלע צוהערער.

ווי זיי זאגן, איז דער געדאנק ארויסצוקומען מיט דעם שמועס געבוירן געווארן אלס א רעאקציע צו די היינטיגע נסיונות. מיר לעבן היינט אין א וועלט פיל מיט פאדקעסטס, טאלק-שאוס און פארגעשריטענע האטליינס, וואס זענען לײדער אפטמאל אנגעפילט מיט ליצנות און קאלטקייט. דאס זיך צוהערן צו זיי קען זייער שנעל אפקילן א מענטש, פארברענען די ריינע אמונת חכמים און אוועקנעמען די פשוט'ע תמימות. כדי צו געבן פאר אידישע קינדער א ריינע און הייליגע פלאץ זיך אויסצוליפטערן, האבן די צוויי חשוב'ע אידן מאנשי שלומינו אונטערגענומען דעם פראיעקט צוצושטעלן א היימישע "שיחות חברים", וואס וועט אונז העלפן האלטן די תמימות אויף וואס מיר בעטן דעם אויבערשטן יעדן טאג.

תיכף אינעם ערשטן שמועס טאנצן זיי שוין אריין מיט הערליכע לעבעדיגע מעשיות פון השגחה פרטית וואס וועקן אויף די נשמה. מען הערט וואונדערליכע עפיזאדן וויאזוי דער אייבערשטער פירט די וועלט; למשל, די מעשה פון א מלמד וואס האט געהערט א שווערע תורה'דיגע קשיא אויף א האטליין, און דעם קומענדיגן טאג אין חדר האט א תלמיד אים פונקט געפרעגט די זעלבע שאלה - וואס האט אים געגעבן די געלעגנהייט אויפצוהייבן דעם אינגל מיט גוטע ווערטער אנשטאט אים אוועקצומאכן. אדער א פחד'דיגע געשיכטע איבער א יונגערמאן וואס האט אראפגעבויגן דעם קאפ אויפ'ן בראנקס עקספרעסוועי ביי א רויטע לייט פאר א נסיון פון שמירת עיניים, און ממש אין יענע מינוט האט אים דער אייבערשטער געראטעוועט זיין קינד פון אונטער די רעדער פון א סקול-באס אין בארא פארק.

די גאנצע שמועס איז איין שטיק חיזוק מיט א קלארן מעסעדזש: מיר דארפן נישט פרובירן "אפצוקילן די גאס" - אזוי ווי יענער אינגערמאן וואס האט געעפנט די טירן פונעם בית המדרש כדי עס זאל ארויסבלאזן די עיר קאנדישן אויף די הייסע גאסן. די גאס קען מען נישט טוישן. וואס מיר דארפן יא

<<<<<<

## בין אדם לחבירו

אין די יעצטיגע טעג איז די פאסיגסטע צייט זיך צו שטארקן אין ענינים בין אדם לחבירו, אכטונג געבן אויף א צווייטנס געפילן

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 2, 56**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >